בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת תרומה תשע"ז | גליון 399 [שנה ט']

**פארוואס איז געווען דוקא דריי תרומות?**

וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם: (כה ב־ג) זאגט רש"י תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי: אמרו רבותינו שלש תרומות אמורות כאן, אחת תרומת הָאֲדָנִים בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת, ואחת תרומת המזבח בֶּקַע לַגֻּלְגֹּלֶת, לקנות מהן קרבנות צבור, ואחת תרומת המשכן נִדְבַת כָּל אֶחָד וְאֶחָד עכ"ל. דארף מען פארשטיין פארוואס דוקא דריי תרומות? און אויך איז שווער די לשונות "אֲשֶׁר" וואס מיינט א לשון פון וודאי, זיי וועלן זיכער געבן און נישט א ספק, ווען עס קען זיין אז זיי וועלן נישט וועלן געבן, וואלט געדארפט שטיין מֵאֵת כָּל־אִישׁ שֶׁיִּדְּבֶנּוּ לִבּוֹ און וְזֹאת הַתְּרוּמָה שֶׁתִּקְחוּ מֵאִתָּם? נאר עס שטייט אין ספר עקידת יצחק פון בעל העקידה אין פר' ראה אויפן פסוק נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ (דברים טו י) וואס פרעגט פארוואס שטייט דריי מאל די לשון פון נתינה: נָתוֹן, תִּתֵּן, בְּתִתְּךָ, נאר מיר ווייסן אז הֶרְגֵּל, א געוואוינהייט, ווערט א טֶבַע, און ווייל די תורה ווייל מען זאל געבן צדקה מיט א פרייליכן הארץ, וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ, און די גמ' (בבא בתרא דף כ"ח) זאגט בִּתְלָתָא זִמְנֵי הָוְיָא חֲזָקָה, דריי מאל איז א חֲזָקָה, ממילא זאגט די תורה נָתוֹן תִּתֵּן, [וְיִתֵּן וְיַחֲזוֹר וְיִתֵּן, רש"י (בראשית כז כח) אויפן פסוק וְיִתֶּן־לְךָ – יתן ויחזור ויתן (ב"ר) המו"ל] דאס איז נאר צוויי מאל נתינה, דעריבער שטייט נאך איין מאל בְּתִתְּךָ, כדי עס זאל זיין דריי מאל נתינה, וועט זיין א חזקה און מיט דעם וועט מען געבן מיט א באוויליגדיגער הארץ, און וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ, און וואס מער מען וועט געבן וועט מען געבן צדקה מיט שמחה ע"כ דבריו. [און דער זעלבער ענין שטייט אין ספר מעיל צדקה (סי' אלף תקכ"א) עיי"ש.] די זעלבע איז דא ביי תרומה, די תורה הק' ווייל אז די תרומה זאל מען געבן מיט נדיבות הלב, און אויב מען וועט געבן דריי מאל, וועט זיין א חזקה און א הרגל, וועט שוין זיין כָּל־אִישׁ "אֲשֶׁר" יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, א לשון וודאי, זיי וועלן זיכער געבן. מיט דעם איז אויך גוט דעם פסוק (ישעיה לב ח) וְנָדִיב נְדִיבוֹת יָעָץ וְהוּא עַל נְדִיבוֹת יָקוּם. שטייט דא דריי מאל די לשון נָדִיב, מיט דעם ווערט א חזקה און דעריבער יָקוּם, עס וועט בלייבן א הרגל ביי דיר און וועסט ווערן א נָדִיב. (תנופה חיים – ר' חיים פאלאזי)

**דער חילוק פון ויקחו און תקחו**

וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי: (כה ב) שטייט וְיִקְחוּ און נאכדעם שטייט תִּקְחוּ וואס איז די חילוק פון די לשונות? נאר רש"י זאגט אויף וְיִקְחוּ, יַפְרִישׁוּ מָמוֹנָם, זאלסט אפשיידן דיין געלט, וואס ווייל רש"י מיט דעם יַפְרִישׁוּ? נאר א מענטש וואס לייגט אוועק פון זיין געלט אויפן זייט כדי צו טיילן צדקה שפעטער, ווען ער דארף דאס געבן, וועט דאס זיין גרינגער, ווייל עס איז שוין נישט ווי זיין געלט ווייל עס איז שוין אפגעשיידט פון אים. דאס מיינט רש"י יַפְרִישׁוּ מָמוֹנָם, זאגט די פסוק פריערט וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה, יַפְרִישׁוּ מָמוֹנָם, ממילא נאכדעם ווען עס וועט קומען די צייט צו געבן, וועט זיין תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי, דו וועסט נעמען די געלט וואס דו האסט אפגעשיידט און דאס געבן מיט נדיבות הלב, און עס וועט זיין אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת־תְּרוּמָתִי. (תפוחי חיים פאנעט קארלסבורג)

**די הצלה פון הָמָן איז מרומז דא אין פסוק**

בְּשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה: (כה ו) די ס"ת איז די אוֹתִיּוֹת הָמָן, כדי דאס צו פארשטיין קען מען מרמז זיין די הצלה פאר כלל ישראל פון הָמָן הרשע וואס איז געקומען דורך מרדכי ואסתר, וואס זענען מרומז אין די ווארט בְּשָׂמִים, מרדכי איז מירא דכיא –א בְּשָׂמִים, און אסתר איז הדסה וואס האט א גוטן ריח ווי בְּשָׂמִים, דאס מיינט בְּשָׂמִים –מרדכי ואסתר– לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה די ס"ת הָמָן, וואס זיי וועלן מבטל מאכן די גזירה און דאס איז לויט וואס חז"ל זאגן אויפן פסוק (אסתר ב ה) אִישׁ יְהוּדִי הָיָה בְּשׁוּשַׁן הַבִּירָה וּשְׁמוֹ מָרְדֳּכַי, און וואו עס שטייט די ווארט הָיָה מיינט אז עס איז אנגעגרייט אויף גאולה פון בריאת העולם, [און עס איז ידוע אז ביי מאכן די משכן איז געווען די זעלבע ענין פון בריאת העולם. המו"ל] (אהל יצחק –ר' יצחק חסון ממקובלי בבל)

**הכנה לפורים שיינע פשט אויף והשתיה כדת אין אונס**

וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ: (א ח) שטייט אין די גמ' (מגילה יב.) מלמד שהשקה לכל אחד יין ממדינתו. יעדער האט באקומען וויין פון זיין מדינה. דארף מען פארשטיין פון וואו נעמט זיך די דרשה? אויך איז שווער פארוואס האט ער נישט געצוואונגען צו טרינקען? נאך איז שווער פארוואס זענען די אידן געווען חייב מיתה וועגן טרינקען די וויין, דאס איז געווען סתם יינם און נישט פון ער"ז און סתם יין איז נאר געווארן אסור אין די צייט פון ב"ש ביי די י"ח דבר (שבת י"ג:) נאר די גמ' (גיטין דף מז.) זאגט אין קנין לעכו"ם בארץ ישראל להפקיע מידי מעשרות, אז א גוי האט א פעלד פון פירות, איז דער איד וואס קויפט דאס איז מחוייב במעשר, און מיר האבן אויך די כלל פון תוס' (יבמות דף פ"ב: ד"ה ירושה, וואס די ר"ת זאגט קלאר אז ביי די ערשטע גלות איז געבליבן קדושת ארץ ישראל, מוז מען זאגן אז אחשורוש האט געברענגט וויין פון א"י און דאס געגעבן צו טרינקען פאר די אלע אידן וואס דאס איז טבל און אסור און ווייל עס איז געווען אֵין אוֹנֵס, האבן די אידן נישט די טענה אז מען האט זיי געצוואונגען, ממילא זענען זיי חייב מיתה בידי שמים וועגן טרינקען די וויין.(ישועה גדולה און אויך אין יערות דבש– הגאון ר' יהונתן אייבישיץ)

**הכנה לפורים שיינע פשט אויף ביום השביעי**

בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כְּטוֹב לֵב־הַמֶּלֶךְ בַּיָּיִן: (א' י') רש"י ברענגט פון גמ' (מגילה י"ב:) אז שביעי מיינט מען דא שבת. מען וואלט געקענט מרמז זיין אז דאס וואס די מגילה איז מדגיש "ביום השביעי" מיט א ה"א: ווייל אין דעם יום השביעי ליגט דער אנהויב פון די נסים פון פורים. ווייל ביז יעצט האט אחשורוש געמאכט א סעודה פון 180 טעג פאר די שרים און עבדים און נאכדעם האט ער געמאכט א סעודה 7 טעג פארן גאנצן פאלק. און עס האט זיך געגאסן וויין ווי וואסער און אוודאי האט אחשורוש מיט געטרונקען די גאנצע צייט, דאס מיינט אז 186 טעג האט ער געטרונקען און איז נישט געווארן שיכור, אבער פונקט ביי די 187 טאג וואס איז געווען ביום השביעי, דעמאלטס ווערט ער שיכור און הייסט ברענגען ושתי און איז מסכים איר צו הארגענען! און איר טענה איז געווען: איר טאטע בֵּלְשַׁצַּר האט געטרונקען אזוי פיל ווי טויזנט מענטשן טרינקען און איז נישט געווארן שיכור, און דו ווערסט שיכור מיט אביסל טרינקען! דאס איז געווען דער אנהויב פון די ניסים אז דייקא אין שבת איז ער געווארן שיכור כדי צו הארגענען ושתי, מדה כנגד מדה, וואס זי האט געטאן מיט די אידישע קינדער אין שבת, און נאכדעם איז אסתר געווארן מלכה און אזוי איז געווען די ישועה. (שמח זבולון)

## *מדור העובדות*

## ***** ר' דוד מלעלוב זיע"א ראטעוועט זיין חסיד מיט א האלצערנעם בעכער *****

ביים הייליגן צדיק ר' דוד מלעלוב זצוק"ל איז געקומען א חסיד -וואס האט געמאכט פֶעל פאר מאנטלען- און געבעטן דעם רבין א ברכה אויף פרנסה, פרעגט אים דער רבי מיט וואס האנדעלט ער? ענטפערט ער מיט פֶעל. זאגט אים דער רבי ער זאל פארן אין א שטאט און דארטן דינגען א דירה אויף א שטיק צייט און אנהייבן צו האנדלען און ארויפלייגן פֶעל אויף בגדים און דער אויבערשטער וועט אים געבן הצלחה, און נאכדעם קענסטו אהיים קומען און עפענען ביי דיר אין שטאט א פאבריק פון פעל און פרנסה וועסטו האבן בעזר השי"ת. דער חסיד וויל זיך געזעגענען פון רבין, און דער רבי נעמט זיך טראכטן און פארטיפט זיך אין זיינע הייליגע מחשבות. דער חסיד איז יעצט א גליקליכער, ווייל ער ווייסט אז דעם רבין'ס ברכה וועט מקויים ווערן, און ער וועט שוין זוכה זיין בקרוב צו האבן א נארמאלן פרנסה.

דער רבי קומט צו זיך און הייסט דעם חסידווארטן ווייל ער וויל עפעס איבערגעבן פארן חסיד, און דער רבי גייט אריין ביי אים אין צימער און ברענגט ארויס א האלצענע בעכער און גיט דאס דעם חסיד ער זאל עס מיט נעמען אויף א שמירה, און זאגט אים שטרענג אן ער זאל נישט פארגעסן פון בעכער די גאנצע צייט, און האלטן אויף זיך די בעכער ביז ער קומט צוריק אהיים, און דער רבי וואונטש אים אן מיט הצלחה. דער חסיד ווערט שוין צומישט אויף די רייד פון רבין, אבער ער האט געהערט קלארע רייד אז ער וועט מצליח זיין און דער בעכער וועט זיין א שמירה!

דער חסיד פאלגט דעם רבין און בארגט געלט פון זיינע ידידים און נעמט א וואגן און פארט אין יענעם שטאט און דינגט א דירה און גייט אין מארק האנדלען אין פעל און אין א קורצע צייט האבן זיך מענטשן דערוואוסט פון זיין מומחה'שאפט און זיין נאמען איז געווארן צושפרייט אז ער האט גוטע פעל און מאכט א שיינעם ארבעט און די גרויסע שרים זענען געקומען צו אים און ער האט פארדינט זייער אסאך געלט. דער חסיד האט געמאכט א חשבון אז ער האט שוין גענוג געלט אויף צו עפענען א געשעפט ביי אים אין שטאט, און גרייט זיך אהיים צופארן.

דער חסיד געדענקט אלעם וואס דער רבי האט אים צו געזאגט און גיט א שבח והודאה פארן אויבערשטן אויף זיין הצלחה, ער האט שוין געהאט גענוג געלט אויף צו קויפן א פערד און א וואגן און גרייט זיך אויף אהיים צו גיין. די וועג צו זיין שטאט האט מען געדארפט דורכגיין א וואלד אבער מען האט אים געזאגט אז ביי טאג איז געווענטלאך נישטא קיין סכנה צו פארן אין דעם וואלד. דער חסיד פארט און שמייסט די פערד ווען פלוצלינג שטייט א וואגן אין וועג און לאזט אים נישט פארן, און קומט ארויס פון וואגן א רויבער און חאפט אים אן און זאגט אים אז ער גייט אים הרגענען רח"ל! דער חסיד נעמט זיך בעטן אויף זיין לעבן און זאגט ער וועט אים געבן זיין גאנצע געלט! אבער דער רויבער וויל פון גארנישט הערן און זאגט אים אבער אז איך זע אז דו ביזט א איד, וועל איך דיר לאזן חאטש זאגן ווידוי און דערנאך וועל איך דיר הרגענען!

דעם חסיד ווערט שלעכט און טראכט די צורה פון הייליגן צדיק וואס האט אים אנגעוואונטשן און ער דערמאנט זיך פון זיין האלצענעם בעכער וואס דער רבי האט אים געזאגט אז דאס וועט זיין א שמירה. דער חסיד זאגט פארן רויבער אז איך האב גאר א טייערן בראנפן וואס איך האב יעצט געקויפט און איך וויל טרינקען מיט דיר א לחיים אין א בעכער וואס עס מיר זייער טייער פאר איך זאג ווידוי!

דער רויבער האט מסכים געווען און דער חסיד פילט אן דעם האלצערנעם בעכער מיט די גוטע בראנפן און דער רויבער גיט א שמעק און זעט אז עס איז טאקע גוטע בראנפן און נעמט זיך טרינקען די גאנצע גלאז און זיי זאגן לחיים, און דער רויבער הייסט דער חסיד גיין זאגן ווידוי! דער חסיד האט נישט קיין ברירה און זאגט ווידוי מיט בכיות און בעט דער אויבערשטן זאל אים העלפן אין דעם עת צרה און טראכט פון הייליגן צדיק און זיינע ברכות.

ווען דער חסיד קומט צום וואגן זעט ער ווי דער גוי ליגט אויפן ערד און דער איד גייט צו אים נאנט און זעט אז דער רויבער איז געשטארבן. ער טראכט וואס צו טאן ווייל אויב ער וועט לאזן דעם טויטן רויבער דא, אפשר וועלן די משפחה פון רויבער רופן די פאליציי אים איינזעצן און חושד זיין אז ער האט געהארגעט דעם רויבער, ער איז מחליט אז ער נעמט ארוים דעם בעכער פון הענט פון רויבער און שלעפט אים ארויף אויף זיין וואגן און באהאלט דעם גוף אונטער די פעל, ער וועט באלד אנקומען אין א אידישע שטעטל און וועט באצאלן די חברה קדישא זיי זאלן אים באגראבן און קיינער וועט זיך נישט דערוויסן פון דעם.

דער חסיד גיט ווייטער א שבח והודאה פארן אויבערשטן פאר די נס און פארט אין וועג. ווען ער איז אנגעקומען אין דעם נאנטע אידישע שטעטל, הערט ער ווי מען רופט אוים אז דער וואס וועג ברענגען צו די פאליציי, א רויבער וואס האט שוין געהארגעט אסאך מענטשן אין דעם וואלד לעבן שטאט, סיי לעבעדיג אדער טויט, וועט מען אים באלוינען מיט 30,000 רייניש. דער חסיד טראכט אז דא וועט ער שוין קענען פטור ווערן פון קערפער פון רויבער און וועט נאך פארדינען א שיינע באלוינונג.

דער חסיד גייט צו די פאליציי סטאנצי' און בעט צו זען א בילד פון דעם רויבער. ווען דער חסיד באקוקט דעם בילד, דערקענט ער קלאר אז דער רויבער ליגט ביי אים אין וואגן, האט ער געמאלדן פאר די פאליציי אז ער האט די רויבער אין זיין וואגן. און א אפיצער איז געגאנגען מיט אים צו זען אויב עס איז טאקע דער רויבער אדער נישט, און ווען דער אפיצער האט געקוקט גוט האט ער געזאגט אז דאס קען זיין דער רויבער!

דער אפיצער האט געברענגט דעם טויטן רויבער צום פאליציי סטאנצי' און א מומחה האט פעסטגעשטעלט אז דאס איז דער רויבער, האט מען זייער געדאנקט דעם חסיד האט זיי דערציילט די מעשה מיטן בעכער וואס זיין הייליגן רבי ר' דוד מלעלוב האט אים מיט געשיקט און ווען דער רויבער האט געטרונקען פון דעם כוס איז ער געשטארבן. און ער האט זיי געוויזן דער האלצערנעם בעכער. עס איז געווארן א קידוש ה'. די פאליציי האט שנעל געמאלדן אז דער שרעקליכער רויבער איז שוין טויט און די סכנה פון פארן אין דעם וואלד איז שוין נישטא. דער חסיד האט באקומען זיין באלוינונג און איז אהיים געפארן. אויפן וועג איז ער פריערט אריין צו זיין הייליגן רבין און דערציילט אלעם וואס עס איז פארגעקומען מיט אים.

דער רבי האט אים געדאנקט פארן קומען דערציילן די גוטע נייעס און געוואונטשן הצלחה. דער חסיד איז אהיים געפארן און געעפנט א פאבריק פון פעל און האט מצליח געווען און געווארן א גרויסער בעל צדקה און שטענדיג דערציילט דעם מורא'דיגן מופת וואס דער צדיק האט פארפראוועט מיט אים זיע"א


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן***

*סידור חסד לאברהם עפ"י קבלה מנטובה תקמ"א מצב מפואר $8500, סידור אור הישר קודינאב -סטאלין תרפ"ח $600, תפארת החנוכי ראדזין דפו"ר $1500 נדיר,* א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר $1500, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500, ספר מלכות אדמו"י טשערנאביל $200, רק שני עותקים, א תהלים וואס דער משגיח הגה"צ ר' משה וואלפסון שליט"א האט אים געגעבן אלץ בחור $1000, נאך טויזנטער ספרים און בריוו קומט אריין און זעט **4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at** ***WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת און עונג שבת